# COVID-19 אַפּדעיט איבער אָנגעשטעלטע וואָס אַרבעטן אין דירות

חשוב'ע איינוואוינער!

די זיכערהייט פֿון אונזערע איינוואוינער און אָנגעשטעלטע איז אונזער הויפּט פּריאָריטעט. ניו יאָרק סיטי האָוזינג אויטאָריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) אַרבעט צוזאַמען מיט דעם ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט פֿון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (NYC Department of Health and Mental Hygiene) צו באַאָבאַכטן דעם קאָראָנאַ ווירוס (COVID-19). באַזירט אויף זייערע אָנווייזונגען ווילן מיר אייך לאָזן וויסן פֿון נייע מאַסנאַמען וואָס די אויטאָריטעט נעמט אונטער במשך באַזוכן פֿון דירות.

**פֿון דעם מאָמענט, ווען NYCHA אָנגעשטעלטע נעמען די פֿאָלגנדע פּאָרזיכט מאַסנאַמען איידער זיי גייען אַריין אין אייער דירה:**

**פֿאַר נישט קיין דרינגנדע פֿאַרריכטונען אָדער באַזוכן ווען NYCHA אָנגעשטעלטע פֿרעגן** צי עמיצער אין די שטוב האָט אַ פֿיבער, הוסט אָדער שוועריגקייט צו אָטעמען, אָדער איז דיאַגנאָזירט געוואָרן מיט COVID-19. מען וועט בעטן סיי וועלכן איַיוואוינער וואָס ענטפֿערט "יאָ" אויף די פֿראַגע זיי זאָלן טוישן דעם באַזוך אין 14 טעג אָדער ווען יעדער איינער פֿילט זיך בעסער דורך רופֿן דעם קאַסטומער קאָנטאַקט צענטער (Customer Contact Center, CCC) אָדער באַזוכן MyNYCHA.

**פֿאַר אַן עמערדזשענסי פֿאַרריכטונג (צ.ב.ש. גאַז/וואַסער לעכצן, פֿאַרשטאָפּונגען, א.א.וו.) ווען NYCHA אָנגעשטעלטע פֿרעגן די זעלבע פֿראַגע.** אויב סיי וועלכער איַיוואוינער ענטפֿערט "יאָ" אויף די פֿראַגע, וועט מען אים/זי בעטן זיי זאָלן:

1. בלייבן אין אַ באַזונדערן צימער (וואו מעגליך) מיט די פֿאַרמאַכטע טיר ביז די עמערדזשענסי פֿאַרריכטונג איז פֿאַרטיג; אָדער
2. אָנהאַלטן אַ דיסטאַנץ פֿון כאָטש זעקס פֿיס פֿון אָנגעשטעלטע ביז די עמערדזשענסי פֿאַרריכטונג איז פֿאַרטיג, אויב אַ באַזונדערער צימער איז נישט פֿאַראַן.

אויב איר באַשליסט נישט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס און/אָדער באַשליסט נישט צו פֿאָלגן די אויבנדערמאָנטע אינסטרוקציעס, וועט NYCHA טוישן דעם אַפּוינטמענט.

איר זאָלט אויך וויסן אַז NYCHA אָנגעשטעלטע וואָס באַזוכן אייער דירה דורכצופֿירן פֿאַרריכטונגען מעגן באַשליסן צו טראָגן מאַסקעס אָדער הענטשקעס בשעת זיי אַרבעטן אין אייער דירה. זיי מעגן אויך בעטן אַז מען זאָל עפֿענען פֿענצטער אין אייער דירה צו פֿאַרגרעסערן ווענטילאַציע במשך די פֿאַרריכטונגען.

מיר נעמען די וויכטיגע שריט כדי אָפּצוהיטן אונזערע NYCHA קאָמיוניטיס. מיר וועלן פֿאָרזעצן אייך צו געבן אַפּדעיטס איבער COVID-19 לויט ווי זיי קומען פֿאָר. אויב איר האָט פֿראַגעס אָדער זאָרגן, ביטע רופֿט דעם CCC אויף 718-707-7771.

פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע איבער COVID-19 באַזוכט דעם nyc.gov/coronavirus.

אַ דאַנק פֿאַר אייער קאָאָפּעראַציע.

Greg Russ
פֿאָרזיצער און הויפּט עקזעקוטיוו אָפֿיסער

Vito Mustaciuolo
דזשענעראַל מענעדזשער